Freie Arbeiter Stimme

FREE VOICE OF LABOR

45 WEST 17th STREET • NEW YORK, N. Y. • Telephone CHelsea 3-9567

Weekly Jewish Publication — Est. 1899

ניו-יארק, דעם 11טן אפריל, 1950

טייערער פריינד באריס,

א דאנק פארן בריוו פונם 5טן ד. ח. ס'האט מיך געפרייט צו הערן, אז איר זייט שוין אינדערהיים און אז איר פילט זיך בעסער. אויב ס'האנדעלט זיך נאר וועגן גאז, איז ניט אזוי שלעכט. פון אט-דער אנשיקעניש קאן מען שוין פטור ווערן. כ'האף, אז גאר אין גיכן וועט איר שוין באשטימט וויסן פון וואו די ווייטאקן קומען און פון זיי אויך פטור ווערן.

יא. מאקסימאוום טויט איז אן אומגעהייער גרויסער פארלוסט. אפילו אין א פריוואט בריוו קאן געזאגט ווערן, אז מיר האבן ניט א סך מאקסימאווס. אויף מאקסימאוון וואלט מען געקאנט זאגן, אז ער איז געווען א הייליקער.

א דאנק פאר דער איינלאדונג אנטייל צו נעמען אינם ספעציעלן מאקסימאוו-נומער פון "דיעלא טרודא." כ'וועל איבערלעזן וואס ראקער האט צו זאגן וועגן מאקסימאוו'ן. מיר האבן זיך מיט די מאקסימאווס באקאנט אין דערזעלבער צייט אין בערלין. גלאט שרייבן אן ארטיקעל אן שום נייעס וויל איך ניט. נאכדעם ווי איך וועל האבן איבערגעלעזן רודאלפס ארטיקעל, וועל איך זען צי איך האב נאך עפעס צוצוגעבן. וועט איר פון מיר וועגן דעם נאך הערן.

ווער וועט איבערקוקן די מאטעריאלן, וואס דער פארשטארבענער האט געזא-מעלט און איבערגעלאזט?

איך דארף דאך אייך ניט זאגן, אז וואס איר זאלט ניט אונטערנעמען צו טאן צו פארייביקן דעם נאמען פון מאקסימאוו'ן, וועט איר האבן מיין מיטהילף.

אייער בריוו פאר שטיינבערג'ן האבן מיר באלד אוועקגעשיקט.

די פרואווס פון ראקער'ס ארטיקעל ווי אויך פון מאקסימאוו'ס בילד וועל איך אייך צושיקן אזוי שנעל ווי איך וועל דאס האבן.

מיט הארציקע גרוסן צו אייך, בעסי'ן און די איבעריקע חברים,

פרייע ארבעטער שטימע